

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

נצוויי
תשפ"ה לפ"ק
גליון ק"ה

## פראגע

### אויב א מענטש ווערט אריינגעצווינגען צו זיין גוט, באקומט ער ווייניגער שכר?

## ענטפער:

ניין! "גדול המצווה ועושה משאינו מצווה ועושה" – אויב מען איז געצווינגען צו טון עפעס באקומט מען **מער** שכר. פארוואס? תוספות איז מסביר, ווייל דער ייצר הרע האט נישט ליב צו ווערן געצווינגען. טאקע דערפאר וואס מען צווינגט דיר, שטעלט דער ייצר הרע ארויס א מלחמה, **פארוואס זאל איך עס טון?** און דו צווינגסט זיך צו פאלגן; ניין, איך גיי יא פאלגן! טראצדעם וואס איך בין געצווינגען עס צו טון גיי איך פאלגן. דו ביזט "כופה את יצרו" צו פאלגן! דערפאר איז דא אן אויסטערלישע שכר, **גדולו!**

אודאי אויב מען וואלונטירט צו טון זאכן מיט'ן אייגענעם ווילן, ווען קיינער צווינגט נישט, איז אויך דא א גרויסע שכר, אבער **גדול**, ס'איז אסאך **גרעסער** אויב מען איז באפוילן און מען באוויליגט צו קאאפערירן און צו טון וואס מען איז באפוילן געווארן.

דערפאר, אויב ביזטו א ישיבה מאן אין א ישיבה און דער משגיח קוקט אויף דיר – דו וואלסט געוואלט שמועסן מיט דיין חבר אין בית המדרש, אבער דער משגיח קוקט אויף דיר – און דו רעדסט נישט!? איר זאלט וויסן אז עס זענען דא חצופים וואס רעדן יא, אפילו ווען דער משגיח קוקט אויף זיי! אבער דו ביזט כופה את יצרו און דו באשליסט נישט צו רעדן, אלס דרך ארץ פאר'ן משגיח, און וועגן דעם באקומסטו שכר פאר'ן נישט רעדן.

איז אויב ביזטו א גוטער מענטש פשוט ווייל דו ביזט געצווינגען געווארן צו זיין גוט, האב נישט קיין חרטה! עס איז ווערד אלעס אויף דער וועלט, זיך צו **צווינגען** צו זיין גוט.

אמאל איז א בחור צוגעקומען צו מיר אין ישיבה און מיר געזאגט "איך וויל איר זאלט מיר זאגן יעדע מאל איך טו עפעס נישט גוט!" איך האב כמעט גע'חלש'ט ווען איך האב עס געהערט... נאר איין מאל אין היסטאריע וואס א בחור איז צוגעקומען צו מיר אין ביהמ"ד, "אויב איר זעט עפעס נישט גוט אין מיר זאלט איר מיר זאגן דערוועגן."

ער האט געוואלט אז מען זאל אים הייסן זיין גוט. צו ווערן געצווינגען צו זיין גוט איז אן אויסטערלישע תועלת.

## פראגע

### וואס טוט מען אויב מען איז אומצופרידן מיט די גאנצע וועלט ארום זיך?

## ענטפער:

גייט צו א דאקטאר וואס וועט אייך אויסלערנען וויאזוי צו היילן אייער נשמה. דער רמב"ם זאגט אז מען דארף גיין צו א רופא אין **חכמת הנפש.**

און דער דאקטאר וועט זאגן, "עפן דיין אויגן און קוק אויפ'ן הימל. דו זעסט א בלויע הימל? הייב אן הנאה צו האבן פון די הימל."

וועסטו זאגן, "וואסערע סארט געשמאק איז שוין די הימל? מען קען עס נישט עסן. מען קען עס נישט אריינלייגן אין באַנק." דער אמת איז, ס'איז בעסער ווי די באנק! האט איר שוין אמאל פרובירט צו הנאה האבן פון א בלויע הימל? איר מיינט ס'איז נאריש? איינע פון די ספרים זאגן אז וועגן דעם האט דער אויבערשטער געמאכט די הימל זאל זיין קאלירט ווי תכלת, ווייל ס'איז גרינג אויף די אויגן. ס'איז א תענוג צו קוקן אויף א בלויע הימל. איז לאמיר אויסנוצן וואס דער ספר זאגט.

און אזוי, ווען א מענטש הייבט אן שטודירן די גליקליכקייט פון לעבן, דאס איז די מעדיצין וואס מאכט אים א

באלאנסירטער און פארשטענדליכער מענטש. ער וועט אנהייבן זינגען צו הקב"ה ווען ער זעט די גליקליכקייט פון לעכטיגקייט! די זון וועט אים מאכן פריילך! קוקן אויפ'ן הימל אין א הערליכע פרילינג טאג איז א תענוג. עס וועט קומען א טאג ווען איר וועט קוקן אויף די הימל צום לעצטן מאל און איר וועט זאגן, "אוי, עס טוט מיר אזוי וויי אז איך דארף מיר שיידן פון אזא הערליכע סצענע." דעריבער שוין מארגן צופרי הייבט אן צו פראקטיצירן און איר וועט אנהייבן הנאה האבן פון דער וועלט.

נאך א ווילע וועט איר קענען אנהייבן פראקטיצירן ווי פריילך עס איז אז איר קענט אטעמען. עס זענען דא מענטשן וואס קענען נישט אטעמען. זיי ווערן ארויפגעלייגט אויף מאשינען, א רעספירעטאר, און דער מאשין אטעמט פאר זיי. אבער וויפיל מער גליקליכקייט איז אז איר קענט פארברייטערן אייער אייגענע לונגען. בייגט אייערע לונגען אריין און ארויס – אה! דאס איז פאַן! נעמט א טיפן אטעם שוין יעצט פון די וואונדערבארע לופט אין דעם בנין דא – אה! **ס'איז א מחיה צו לעבן!**

דאס וועט יענער חכם אייך זאגן.

און צוביסלעך וועט דער דאקטאר, דער חכם, אייך אויסלערנען וויאזוי צו מאכן נוצן פונעם עולם הזה. און איר וועט אנהייבן מיטזינגען מיט אלע ישיבה בחורים, **"עולם הזה איז א גוטע זאך...!"**

דאס איז דער אמת – מענטשן זענען אומצופרידן פאר גארנישט און זיי הייבן נישט אן צו כאפן וואס זיי פארפאסן. מיר מוזן אנהייבן צו שטודירן וואס לעבן האט באהאלטן פאר אונז, און דאן "ונשמחה ונרננה בכל ימינו!" מיר וועלן זינגען מיט גליקליכקייט אלע טעג פון אונזער לעבן! (#645)

## פראגע

**איר האט געזאגט פריער אז א מענטש זאל עסן מיט אפעטיט און דאנקען השי"ת, אבער פון מסילת ישרים קוקט אויס אז א פרוש זאל נאר עסן וואס ער מוז. איז דאס א סתירה?**

## ענטפער:

דער ענטפער איז ניין. א פרוש עסט נישט וואס עס פעלט נישט אויס פאר אים, אבער וואס עס פעלט יא אויס עסט ער מיט דאנקבארקייט. ווען ער נעמט אריין זיין שטיקל ברויט און טינקט עס איין אין זאלץ און טרונקט צו א קאפ וואסער, ער פליקט זיין ליפן און קייט מיט געשמאק, טראכט ער וואספארא געוואלדיגע ברכה עס איז אז ער קען עסן זיין ברויט מיט וואסער.

אזוי ווי רבי יהודה, וואס איז געווען זייער ארים און האט נישט געהאט קיין בגדים צו גיין אין די גאס. עדנליך האט ער און זיין ווייב געקויפט א בגד וואס האט נישט אויסגעקוקט ווי א מענער מלבוש און נישט ווי א פרויען מלבוש. און ווען ער האט געדארפט ארויסגיין האט ער גענומען דעם בגד, און ווען זי האט געדארפט ארויסגיין איז ער געבליבן אינדערהיים און זי האט געטראגן דעם בגד. זי האט נישט עובר געווען אויפ'ן איסור פון טראגן א מענער מלבוש ווייל עס האט נישט אויסגעקוקט ווי גארנישט; עס האט אויסגעקוקט ווי א זאק.

ווען רבי יהודה האט אנגעהויבן דעם בגד האט ער געמאכט א ברכה "ברוך שעטני מעיל" – איך דאנק דיר באשעפער, אז דו האסט מיר אנגעטון מיט א מעיל; א קעניגליכע קלייד. דאס מיינט אז פאר אים איז עס געווען ווי א קעניגליכע מאנטל; ער איז געווען אזוי גליקליך! איר פארשטייט אליינס וואסערע סארט קלייד עס איז געווען אז עס האט נישט אויסגעקוקט נישט ווי א מענער און נישט ווי א פרויען מלבוש; ס'איז געווען א שמאטע, דאס אלעס. אבער פאר אים איז עס געווען אזא שמחה אז ער האט געזאגט, "ברוך השם! איך דאנק דיר באשעפער אז דו האסט מיר באקליידט מיט א קעניגליכע קלייד."

דער פרוש עסט נישט קיין אייז-קריעם און קיין קעיק און סאדע און אלע אנדערע מיסט. אבער ווען ער עסט זיין שטיקל ברויט האט ער הנאה דערפון אן קיין עק! איך זאג אייך אלץ די זעלבע זאך. ברויט האט אין זיך 'סטארטש'. און אין אייער שפייעכטס האט איר אן ענזיים, וואס ווערט גערופן 'פטייעלין' וואס מאכט אז די סטארטש זאל פארוואנדלט ווערן אין צוקער. ווי לענגער מען קייט די ברויט, אלס זיסער ווערט עס. איז דער פרוש עסט זיין זיסע ברויט און ער האט הנאה דערפון מער ווי א מענטש וואס עסט צוקערדיגע סיריעלס. און ער דאנקט השי"ת ווי גלייך ער עסט די געשמאקסטע סארט עסן וואס איז נאר דא. (#502)

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש)**, און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org**, אדער גייט צו** torasavigdor.org**. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב